<u>ברכה לפרבאנד - להקלטה</u>

22.12.63

מייערע חברים,

עס איז פאר מיר א גרויסער פארגעניגן צו באגריסן דעם יידיש-נאציאנאלן ארבעטער-פארבאנד צו זיין 50 יעריקן יובל.

די געשיכטע פון דער סאציאליסטיש-ציוניסטישער ארבעטער - באוועגונג אין אמעריקע איז א לאנגע און איז דורכגעוועבט מיט פיל מסירות נפש, אידעאליזם; טועריקייטן און דערפאלגן. פון באשיידענע אנפאנגען און קליינינקע גרופירונגען פון "פועלי ציון", איז זיך ארבדזער נאציאנאלע ארבעטער באוועגונג פארנעמט דער יידיש-נאציאנאלער ארבעטער-פארבאנד גאר א בכבודיקן ארט.

אייער השפעה אויף דעם אמעריקאנער יידישן לעבן און זיין אנטוויקלונג איז געווען פילפאכיק גרעסער פון אייער נומערישער קראפט.

איר האט געוווסט צו פארוואנדלען דעם פארבאנד אין אן אמתן בעל-ברית און ברידערלעכן שותף פון דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטערשאפט; איר האט שטענדיק געטריי און איבערגעגעבן די באגלייט אין אלע אירע געראנגלען און דעראבערונגען.

איר האט א ווירקזאמען טייל אין די דערגרייכונגען פון דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטער-באוועגונג און איר "הסתדרות".

2/.

דער "פארבאנד" איז געגרינדעט געווארן קורץ פארן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט-קריג. דער רצון פון אונדזער געשיכטע, האט דאן אנגעהויבן צו פארוואנדלען דאס אמעריקאנער יידנטום אין א דעצידירנדיקן פאקטאר איבער שיקזאל פון אונדזער פאלק. דער "פארבאנד" איז שנעל געווארן א טרייב-קראפט אין צעמענטירן די גאנצקייט פון אונדזער פאלק; ער האט געהאלפן פארשטארקן די באציונגען צווישן אמעריקאנער יידנטום און דעם ארץ-ישראלידיקן אויפבוי-ווערק.

די אויפטוען פונעם "פארבאנד" פארן "בנק הפועלים", (היינט איינער פון די גרעסטע בענק אין ישראל); פאר דעם "קופת חולים", (וועלכער באדינט היינט צו טאג דעם גרעסטן טייל פון דער ישראל-באפעלקערונג); פאר "הסנה" (די ישראלדיקע פארזיכערונגס-ארבעטער-געזעלשאפט היינט די גרעסטע אין לאנד) - זיינען גאר א טייל פון אייער געבענטשטער שותפות מיט דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטערשאפט.

א ספעציעלן יישר-כוח קומט דעם פארבאנד פאר זיין ארבעט - פאר דעם "פאראייניקטן ישראל אפיל", און פאר די "ישראל באנדס".

זינט דעם באשלוס פונעם "פארבאנד", ביי זיין גרינדונג, צו זאמלען די "5 סענט א קווארטאל" פארן "פאלעסטינער ארבעטער פאנד" און די שפעטערדיקע גרינדונג פון "געווערקשאפטן-קאמיטעט פאר ארץ-ישראל" איז פיל, פיל וואסער אפגעפלאסן אין ירדן...

אונדזער פאלק האט דורכגעמאכט אין די פארלאפענע 50 יאר - די שרעקלעכסטע צייטן אין זיין גלות-געשיכטע; האט אבער אויך דערגרייכט דעם גרעסטן טריומף, אויסקעמפנדיק, ווי איר האט דאס אמאל דעפינירט "א גלייכן סטאטוס מיט אלע פעלקער פון דער וועלט" - דורך דער אנטשטייאונג פון אונדזער מדינת ישראל.

אויף איינעם פון די הויפט-פראבלעמען פון מדינת-ישראל, אויפן פראנט פון עליה, געפינען מיר זיך איצט פאר א ווענדע-פונקט.

אין א פאר יאר ארום וועט זיך וואַרשיינלעך אויסשעפן די עליה פון די גלות-לענדער.

מיר שטייען און פרעגן זיך "מאין יבוא עזרי"? ווי וועט ישראל וואקסן נאכדעם? פון וואנען וועלן קומען נאך יידן און באזונדערס, ווער וועלן מיר געבן געבען אינטעלעקטועלע כוחות פאר דער געוואלדיק וויכטיגער אויפגאבע פון מיזוג גלויות, דאס הייסט, פאר דער קאמפלעטער אינטעגראציע און צונויפשמעלצונג פון די אלע נייע-געקומענע. פאר דעם צוועק איז פאר אונדז אבסאלוט נייטיק מיר זאלן קריגן אן ערנסטע עליה אויך פון די פאראייניקטע שטאטן, אן עליה פון יונגע און פרישע כוחות, געבילדעטע און פאכמענערישע, וועלכע זאלן אונדז העלפן אין אונזער היסטארישער אויפגאבע. צו דעם צוועק, קען דער פארבאנד זיין א בריק פון אידישע מעגלעכקייטן און ישראלדיקע ברייטרעבדיקייטן.

און צו ענדע, טייערע חברים, וויל איך אייך ווינטשן, אז אייער צוקונפט זאל באשיינען אייער פארגאנגענהייט, און אז איר זאלט זיכער זיין באטאן א וויכטיגאן אנטייל אין דעם אויסבויען פון דער מדינה און דאס ארבעטס פאלק.